


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת כי תצא תשפ"ג •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 327

## אמרות שמשון

### די תורה איז מתיר 'יפת תואר' נאר ביי 'מלחמת הרשות' • דער היתר איז נאר 'בשעת שביה' • ביי 'מלחמת מצוה' דארף מען יעדעם הרג'ענען

***וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר וְחָשַׁקְתָּ בָהּ וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה*** (כא, יא): עס שטייט אין 'רש"י' (ד"ה כי תצא), '**במלחמת הרשות הכתוב מדבר, שבמלחמת ארץ ישראל אין לומר ושבית שביו שהרי כבר נאמר לא תחי' כל נשמה**'. דער פסוק פון יפת תואר רעדט זיך נאר פון א 'מלחמת הרשות', אבער א 'מלחמת מצוה' (ווען מען האט מלחמה מיט איינע פון די זיבן פעלקער וועלכע דער תורה האט באפוילן מלחמה צו האלטן מיט זיי), איז א חיוב צו הרג'ענען יעדער איינער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כ, טז), ***לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה***, דעריבער איז נישט ערלויבט צו נעמען א יפת תואר ביי א 'מלחמת מצוה'.

**שפעטער** ערקלערט 'רש"י' (ד"ה ולקחת), דער טעם פארוואס די תורה האט ערלויבט צו נעמען א יפת תואר, '**לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, שאם אין הקב"ה מתירה, ישאנה באיסור**'. דער תורה איז מתיר צו נעמען א יפת תואר נאר צוליב דער גרויסע יצר הרע. וויל אויב וואלט די תורה נישט ערלויבט וואלט מען דאס געטון באיסור, דעריבער האט די תורה דאס מתיר געווען.

**שטעלן** זיך די מפרשים, אויב דאס גאנצע היתר איז נאר צוליב דעם יצר הרע, וואס אויב מען וואלט דאס נישט מתיר געווען וואלט מען דאס געטון באיסור. אויב אזוי פארוואס האט די תורה נאר מתיר געווען ביי א 'מלחמת רשות' און נישט ביי מלחמת מצוה? עס וואלט אויך געדארפט זיין מותר ביי א 'מלחמת מצוה' כדי מען זאל דאס נישט טון באיסור.

**עס** שטייט אין 'רמב"ם' (פ"ח מהלכות מלכים ה"ג), דער גאנצע היתר פון אשת יפת תואר, איז נאר מותר 'בשעת השביה' (ווען עס איז שוין געפאנגען), און 'שעת השביה' איז נאר נאכדעם וואס מען האט גענדיגט די מלחמה און מען האט אויסגע'הרג'ט די גאנצע פאלק. אזוי ווי עס איז משמע אין די סדר פון די פסוקים (דברים כ, יג - יד), ***וְהִכִּיתָ אֶת כָּל זְכוּרָהּ לְפִי חָרֶב***, און נאר נאכדעם שטייט, ***רַק הַנָּשִׁים וְהַטַּף וְהַבְּהֵמָה וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה בָעִיר כָּל שְׁלָלָהּ תָּבֹז לָךְ***.

**אויב** אזוי פארשטייט מען פארוואס דוקא ביי 'מלחמת הרשות' איז מותר צו נעמען א יפת תואר, וויבאלד דער חיוב איז נאר צו הרג'ענען די זכרים, דעריבער איז שייך עס זאל זיין 'שעת שביה' אויף נשים, נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך גענדיגט און מ'האט אויסגע'הרג'ט אלע זכרים, און נאר די נקיבות זענען איבערגעבליבן, דעמאלטס וועט א יפת תואר זיין מותר.

**אבער** ביי א 'מלחמת מצוה' וואס דער חיוב איז צו הרג'ענען אפילו פרויען, קומט אויס ווען די מלחמה איז פאריבער איז נאר שייך 'שעת שביה' אויף געלט אבער נישט אויף מענטשן, דעריבער קומט נישט אויס עס זאל זיין מותר צו נעמען א יפת תואר. (זרע שמשון פרשתינו אות א')




### כוונת הפסוק מיט די ווארט "לך"

***וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ*** (כג, ו): יש לדקדק, וואס איז די כוונת הפסוק מיט די ווארט "לך", עס איז משמע פון דעם אז די קללה איז שוין געווען ביי כלל ישראל און דער אויבערשטער האט עס אויסגעדרייט לברכה, לכאורה האט דאך בלעם בכלל נישט געשאלטן כלל ישראל, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין ויהפוך ה' אלוקיך את הקללה לברכה.

**ויש** לתרץ, מ'וואלט געקענט זאגן אז סוף סוף האט דאך בלעם געבענטשט כלל ישראל, און עס קומט זיך אים אז מ'זאל אים בענטשן, ווי עס שטייט אין


הוצאת הגליון והפצתו לזכות

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מדים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | דניאל אודי בן דג'ינה מלכה להצלחה גדולה בלי גבול ומדה | הנדל בת יחזקאל אבא ליפשיץ ע"ה נלב"ע י' אלול תשל"ט ת.נ.צ.ב.ה. | רחמים בן בלהה נלב"ע ז' אלול תשמ"ב ת.נ.צ.ב.ה. | יצחק בן משה וולף מדלש ז"ל נלב"ע ה' אלול ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ח רבי קהת ב"ר אברהם יצחק ז"ל נלב"ע ה' אלול תשס"ה ת.נ.צ.ב.ה. |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

פסוק (בראשית כז, כט) **מברכיך ברוך**. וועגן דעם איז די תורה מדגיש אז נאר כלפי כלל ישראל איז נחשב זיינע ווערטער פאר א ברכה, אבער כלפי בלעם הייסט עס ווי ער האט געשאלטן כלל ישראל, וויבאלד מ'גייט נאך זיין מחשבה וואס ער האט באמת אינזינען געהאט צו שעלטן, נאר דער אויבערשטער האט אים צוריקגעהאלטן, און ביי אומות העולם איז הקב"ה מצרף מחשבה לעמעשה (ירושלמי פ"ק דפאה, תוס' קידושין לט:), און דאס איז די תורה מדגיש מיט'ן ווארט "לך", אז דוקא כלפי כלל ישראל הייסט עס א ברכה, אבער ביי בלעם וואס האט דאך געמיינט שלעכטס איז עס נחשב לקללה, און עס קומט זיך אים נישט צו ווערן געבענטשט וועגן דעם.

(עיין זרע שמשון לעיל פרשת בלק אות י"ג (זרע שמשון פרשתנו סוף אות ז')


**'קול זרע שמשון העולמי'**

אויף אידיש דריק 2

ארץ ישראל **02-80-80-600**

ארה"ב **716-229-4808**

לונדון **0333-300-2515**

**שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס**

יעדן טאג פרישע זאכען שמעו ותחי נפשכם


# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס האט פארציילט הרה"ג ר' שלמה ל. שליט"א**

**פון עיר התורה וחסידות בני ברק יצ"ו:**

## בניך חכמים ונבונים

**דער** אויבערשטער האט מיר ב"ה געשאנקן פינעף לעכטיגע מיידלעך, וואס איז זע פון זיי אסאך אידיש נחת, אבער ווי נאר די יארן האבן זיך גערוקט פאראויס האט מיר אנגעהויבן צו קוועטשן די פאקט אז איך בין נאכנישט געבענטשט געווארן מיט א בן זכר.

**איך** האב קיינמאל נישט פארגעסן צו דאנקן און לויבן דער אויבערשטער אויף אלעס וואס ער געבט מיר מאוצרו הגדול והטוב, און אויף די קינדער וואס ער האט מיר געגעבן מיט א מתנת חינם, אבער עס איז שטענדיג מיטגעגאנגען מיט א תפילה אז איך זאל אויך זוכה זיין מיט א בן זכר.

**יעדעס** מאל ביים אפענע ארון הקודש, זענען די ווערטער 'ותיהב לי בנין דכרין דעבדין רעותך', געזאגט געווארן מיט א באזונדערע כוונה און בקשה, בעטנדיג דער אויבערשטער אז איך זאל זוכה זיין צו א בן זכר וואס איך וועל קענען מקיים זיין די מצוה פון 'ושננתם לבניך', און אים מחנך זיין לתורה ולעבודה.

**דער** אויבערשטער האט מיר געגעבן די גרויסע זכיה, אז איך קען זיצן אין כולל צוויי סדרים א טאג, און מקיים זיין די ווערטער פון דוד המלך (תהילים כז, ד) שבתי בבית ה'... לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו... עפעס וואס איז א ספעציעלע זכיה און מתנה פונעם אויבערשטן.

**פארציילט** ר' שלמה: עס איז געווען אינמיטן א געווענליכע טאג, איך בין אנגעקומען אין כולל צו נאכמיטאג סדר אזוי ווי מיין שטייגער מדי יום ביומו, נישט וואוסנדיג אז היינט וועט זיין די טאג וואס עס וועט קומען א תשובה צו מיין אזוי לאנג-ערווארטעטע בקשה.

**איך** זע אין כולל ווי צוויי אידן זיצן און לערנען בחברותא דער ספר זרע שמשון, זיי לערנען דאס בעיון רב, און זענען מדייק יעדעס ווארט וואס שטייט אינעם ספר.

**ציזנדיג** נעבן זיי האב איך זיך פאראינטערעסירט וועלכע ספר זיין לערנען, און פארוואס זיי לערנען דאס מיט אזא עיון און דיוק.

**די** צוויי האבן מיר פארציילט אז דאס איז א הייליגער ספר וואס איז פארפאסט געווארן דורך א גרויסער צדיק און גאון, דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, וואס האט געלעבט מיט דריי הונדערט יאר צוריק אין איטאליע, און דער ספר איז מסוגל פאר גרויסע ישועות, און זיי ווייזן מיר די הקדמה פונעם ספר, ווי דער מחבר שרייבט די זעלטענע הבטחה, אז די וואס וועלן עס לערנען וועלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים חכמים ונבונים וכו'.

**ווען** איך האב דאס געהערט און געזען, האב איך תיקף געקלערט, אז דאס איז ממש געאייניגט פאר מיר, וואס איך ווארט שוין א לאנגע צייט צו געהאלפן ווערן מיט די ברכה פון 'בנים חכמים ונבונים', און דאס איז דאך מיין שטענדיגע בקשה און תפילה צו געהאלפן ווערן מיט א בן זכר.

**און** עס איז זיכער א השגחה פרטית אז פונקט איך זאל זען ווי זיי לערנען דער ספר, און דורכדעם זאל איך הערן פון דעם צדיק און זיין ספר, כדי אז איך זאל מיך אויך אונטערנעמען צו לערנען דער ספר זרע שמשון.

**איך** האב זיך מקבל געווען בלי נדר צו לערנען דער ספר זרע שמשון, איך האב אנגעהויבן זיך צו משתתף זיין ביי א וועכענטליכע 'שיעור זרע שמשון' וואס קומט פאר אין די געגנט, אזוי אויך האב איך דאס כסדר געלערנט אין פארשידענע געלעגנהייטן.

**טייערע** ברודער - זעצט פאר ר' שלמה - וואס זאל איך אייך זאגן? עס איז אריבער פונקטליך א יאר, און איך בין ב"ה געהאלפן געווארן מיט בן זכר בשעה טובה, און ווען איך האב אריינגעטראכט האב איך באמערקט, אז דאס ברית פונעם קינד, וועט זיין פונקטליך אינעם וואך וואס איך אנגעהויבן צו לערנען דער ספר זרע שמשון!

**דאס** איז געווען מיין פערזענליכע געשיכטע מיטן הייליגן זרע שמשון, און איך פארצייל מיין מעשה, כדי עס זאל דינען פאר נאך אידן אלס א אויפוואכונג זיך צו מצרף זיין און לערנען דעם הייליגן ספר, און דערביי וועט איר בס"ד אויך זוכה זיין צו געהאלפן ווערן מיט די ברכות וואס דער מחבר האט צוגעזאגט און געהאלפן ווערן בכל משאלות לבכם לטובה, זי"ע.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי' להפצת תורת רבינו הזרע שמשון.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: **zera277@gmail.com**

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

**צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן**
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

**אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'**

**ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)**
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**